# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................7:01
מוצאי שב"ק.....................8:29

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.....................שמואל-א ד'-ה'
בבלי.........................שבת כ"ב
ירושלמי..................פסחים נ'
תוספתא.......................נדה ה'
רמב"ם..............טוען ונטען ה'


פרשת ויקרא, ג' ניסן, שנת תש"פ לפ"ק — שנה 9, גליון 27 (441)


## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה
### וְכִפֶּר עָלָיו הַכֹּהֵן עַל חַטָּאתוֹ אֲשֶׁר חָטָא וְנִסְלַח לוֹ

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת עז:): רֶבִּי יוֹחָנָן הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן: "גֶעבְּט אַכְטוּנְג פוּן דִי פְלִיגְן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיי דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן דִי מַחְלָה וָואס הֵייסְט "בַּעֲלֵי רָאתָן". רֶבִּי זֵירָא אִיז נִישְׁט גֶעזִיצְן אוֹיף דִי זַייט וואוּ דִי ווִינְט בְּלָאזְט אוֹיבּ זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן מִיט דִי מַחְלָה פוּן "בַּעֲלֵי רָאתָן"; רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר אִיז נִישְׁט אַרַיין אִין אַ הוֹיז אוֹיבּ אִיז דָארְט גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ מִיט דִי מַחְלָה פוּן "בַּעֲלֵי רָאתָן"; רֶבִּי אַמִּי אוּן רֶבִּי אַסִּי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט עֶסְן אֵייעֶר וָואס מֶען הָאט פַארְקוֹיפְט אוֹיף אַ גַאס וָואס דָארְט אִיז דָא אַ מֶענְטְשׁ מִיט דִי מַחְלָה פוּן "בַּעֲלֵי רָאתָן"; זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַז רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי הָאט זִיךְ אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט זֵיי אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט זֵיי תּוֹרָה, עֶר הָאט גֶעזָאגְט, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי ה, יט): "אַיֶּלֶת אֲהָבִים וְיַעֲלַת חֵן", דִי תּוֹרָה בְּרֶענְגְט חֵן, "אִם חֵן מַעֲלָה עַל לוֹמְדֶיהָ, אֲגוּנֵי לֹא מַגְּנָא?!" אוֹיבּ בְּרֶענְגְט עֶס חֵן, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז עֶס הֵיילְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם.

זֶעט מֶען פוּן דִי גְמָרָא דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה; אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי קְרַאנְק רַחְמָנָא לִצְלָן אַז מֶען דַארְף זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן אִים, דָאךְ קֶען עֶר הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵמָה אוֹיבּ עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה. דָאס גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס לִיגְט נֶעבֶּעךְ אִין טִינוּפֶת, עֶר קוּקְט שְׁמוּץ, זַיין מֹחַ אִיז אִים רַחְמָנָא לִצְלָן אִינְגַאנְצְן פַארְדָארְבְּן אוּן עֶר לַיידְט אוֹיף דִי מַחְלָה פוּן "בַּעֲלֵי רָאתָן", עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן אַז עֶר קוּקְט נֶעבֶּעךְ דִי שְׁמוּצִיגְסְטֶע סָארְט מָאוִויס רַחְמָנָא לִצְלָן; קוּק וָואס רַשִׁ"י זָאגְט (שָׁם, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל "בַּעֲלֵי רָאתָן"): וָואס אִיז דָאס 'בַּעֲלֵי רָאתָן?' "שֶׁרֶץ יֵשׁ לוֹ בְּמוֹחוֹ"; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף עֲבֵירוֹת. אַ מֶענְטְשׁ וָואס קוּקְט שְׁמוּצִיגֶע מָאוִויס, עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ אַ שֶׁרֶץ אִין זַיין מֹחַ, אוּן דֶער מֹחַ אִיז אִים אוֹיסְגֶעבְּרֶענְט; אֲפִילוּ אַזָא מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַזוֹי וַוייט אַרָאפְּגֶעפַאלְן, זָאגְט רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי: "אִם חֵן מַעֲלָה עַל לוֹמְדֶיהָ, אֲגוּנֵי לֹא מַגְּנָא?!" אוֹיבּ בְּרֶענְגְט עֶס חֵן אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז עֶס הֵיילְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן מֶען וֶועט אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דִי בְּלָאטֶע אִין וָואס מֶען אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר טֵייעֶרֶער חָבֵר, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם; בִּינְד זִיךְ צוּ צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן פָאלְג זַיינֶע עֵצוֹת. נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאג אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, [אַז דוּ קֶענְסְט זָאגְן ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת - וואוֹיל אִיז דִיר], אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט, דָאךְ זָאלְסְטוּ וַוייטֶער לֶערְנֶען, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן אוּן דוּ וֶועסְט אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דַיין בְּלָאטֶע.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**הֶעלְף מִיר טַאטֶע, הֶעלְף מִיר טַאטֶע, נֶעם מִיר אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ ווִיל זַיין הֵיילִיג, הֶעלְף מִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ זָאל אַוֶועק וַוארְפְן מַיינֶע מָאוִויס, אִיךְ זָאל נִישְׁט צוּרִיק לוֹיפְן צוּ מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים**".

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אַ נֵייעֶ מֹחַ, אַ נֵייעֶ הַארְץ אוּן אֲפִילוּ אַ נֵייעֶ גוּף; עֶס אִיז מְקוּבָּל בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן שֶׁלֹּא בִּקְדוּשָּׁה וְכוּ', אוֹיבּ וֶועט עֶר קוּמֶען קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, אוּן זָאגְן דָארְט דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, וֶועט אִים דֶער רֶבִּי גֶעבְּן אַ נֵייעֶם גוּף, אַ גוּף קָדוֹשׁ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה לֶךְ לְךָ תשע"ח)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט
### חוֹדֶשׁ נִיסָן

וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ נִיסָן אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן, צוּ פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער פָּסוּק זָאגְט אוֹיף חוֹדֶשׁ נִיסָן: "'הַחוֹדֶשׁ' הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ 'חֳדָשִׁים', רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם 'לְחָדְשֵׁי' הַשָּׁנָה", עֶס וֶוערְט דְרֵיי מָאל דֶערְמַאנְט דֶער וָוארְט "חָדָשׁ - נֵיי". דְרֵיי מָאל אִיז אַ חֲזָקָה, יֶעצְט אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן אִינְגַאנְצְן.

בֶּאֱמֶת קֶען זִיךְ אַ אִיד בַּאנַייעֶן יֶעדְן טָאג, מֶען מוּז נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז חוֹדֶשׁ נִיסָן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רס"א) אַז אַ אִיד דַארְף יֶעדְן טָאג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי. יֶעצְט אָבֶּער, פוּן חוֹדֶשׁ נִיסָן, פוּן שַׁבָּת הַחוֹדֶשׁ, קֶען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמֶען אַ פְרִישֶׁע הִתְחַדְּשׁוּת, זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן טַאקֶע אִין דֶעם עִנְיָן, אַרַיינְצוּנֶעמֶען קְלָאר אִין קָאפּ: "נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶס וֶועט זַיין מָארְגְן, אִיךְ וֶועל פְּרוּבִירְן צוּ קוּקְן נָאר אוֹיפְ'ן הַיינְטִיגְן טָאג, אוּן זֶען וָואס אִיךְ קֶען אוֹיפְטוּן גוּטֶע זַאכְן".

דֶערְפַאר וֶוען מֶען לֵיינְט דִי פַּרְשַׁת הַחוֹדֶשׁ, אִיז דִי צַייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי מִדָּה פוּן הִתְחַדְּשׁוּת, אִיךְ זָאל יֶעדְן טָאג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי, נִישְׁט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, אוּן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן וָואס עֶס וֶועט זַיין וַוייטֶער, נָאר אִיךְ זָאל מִיר שְׁטֶענְדִיג קָאנְצֶענְטְרִירְן אוֹיף דִי יֶעצְטִיגְן מִינוּט, וָואס אִיךְ קֶען יֶעצְט טוּן גוּטֶע זַאכְן בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אוּן אַזוֹי וֶועל אִיךְ זַייעֶר מַצְלִיחַ זַיין".

דָאס אִיז בֶּאֱמֶת דִי פַּרְשַׁת הַחוֹדֶשׁ, דִי מִצְוָה פוּן קִידּוּשׁ הַחוֹדֶשׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן אַז דִי אִידְן זָאלְן צֵיילְן דִי חֳדָשִׁים לוֹיט דִי לְבָנָה צוּ וַוייזְן אַז אִידְן זֶענֶען אַזוֹי ווִי דִי לְבָנָה, סוֹף חוֹדֶשׁ וֶוערְט עֶס קְלֶענֶער אוּן קְלֶענֶער, אָבֶּער נָאכְדֶעם וֶוערְט עֶס

<<<<<<

## א גוט ווארט

זַייטְס נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן קָארָאנֶע; זַייטְס נִישְׁט בַּאזָארְגְט טְרַאכְטְנְדִיג: 'וָואס וֶועט זַיין?' וַוייל דִי זָארְג אוּן שְׁרֶעק אִיז אַ גְרֶעסֶערֶע סַכָּנָה ווִי דִי מַחֲלָה אַלֵיין. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין ק:) "לָא תַּעֵיל דַּוְיָא בְּלִבָּךְ, דִּגַבְרֵי גִיבָּרִין קְטַל דַּוְיָא", נֶעם זִיךְ גָארְנִישְׁט צוּם הַארְצְן, וַוייל אַסַאךְ גִבּוֹרִים זֶענֶען שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן פוּן דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן יֶעדֶע זַאךְ גֶענוּמֶען צוּם הַארְצְן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט פַארְפִירְן פוּן דִי וָואס רֶעדְן אַייךְ צוּ צוּ קוֹיפְן אַ סְקְרִין פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער, אַזוֹי וֶועט אִיר קֶענֶען זַיין רוּאִיג אִין שְׁטוּבּ; אִיךְ בֶּעט זִיךְ אוּן אִיךְ וֵויין צוּ אַייךְ, טוּטְס דָאס נִישְׁט, בְּרֶענְגְטְס נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם זַאךְ וָואס מֶען קֶען זֶען אוֹיף דֶעם מָאוִויס, ווִידִיאָס אוּן פְלֶעיס - אֲפִילוּ כָּשֵׁר'עֶ; דָאס אִיז עֶרְגֶער פוּן דִי קָארָאנֶע.

עֶס אִיז שׁוֹין צַייט זִיךְ אוֹיפְצוּאוֶועקְן אוּן תְּשׁוּבָה טוּן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט אַ צָרָה נָאר כְּדֵי מִיר זָאלְן צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, נִישְׁט צוּ וֶוערְן דֶערְוַוייטֶערְט פוּן אִים.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם שַׁייכוּת מִיט דִי כֵּלִים; נִישְׁט קַיין סְמַארְטְפָאוּן, נִישְׁט קַיין טֶעבְּלֶעט אוּן נִישְׁט קַיין שׁוּם זַאךְ וָואס הָאט סָאשֶׁעל מִידִיעֶ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּקְרָא תש"פ)

# בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## אַ סְגוּלָה צוּ קֶענֶען אִיבֶּערְלֶעבְּן דִי שְׁרֶעק פוּן קָארָאנֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

א' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ"ז אָדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

יֶעצְט וֶוען אַלֶעס אִיז אָפְּגֶעשְׁפַּארְט, נִישְׁט דָא וואוּ צוּ גֵיין נִישְׁט דָא וואוּ צוּ קוּמֶען, אַלֶע זִיצְן אִין שְׁטוּבּ אוּן וַוארְטְן אוֹיף אַ נֵס, בְּלַייבְּט אִיבֶּער נָאר דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן; דֶער דֶרֶךְ הַלִימוּד גֵייט אָן, אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיפְ'ן דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן (הַמְבֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) דֶעמָאלְט דַארְף מֶען גָארְנִישְׁט; מֶען קֶען זִיצְן אִין שְׁטוּבּ מִיטְ'ן מִשְׁנַיוֹת'ל, מִיטְ'ן חוּמָשׁ'ל, מִיטְ'ן גְמָרָא אוּן לֶערְנֶען אָן אַ שִׁיעוּר.

אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, מַיין הַארְצִיגֶער חַבֵר, אַנְשְׁטָאט זִיצְן מִיטְ'ן טֶעלֶעפָאן זִיץ מִיטְ'ן מִשְׁנַיוֹת, מִיטְ'ן גְמָרָא; יֶעצְט אִיז אַ צַייט וָואס מֶען דַארְף זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף אוּן זֶען וָואס בְּלַייבְּט אִיבֶּער, וָואס הָאט מֶען; נָאר דָאס בִּיסְל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס בְּלַייבְּט אִיבֶּער אִין אַלֶע צַייטְן.

נֶעם יֶעצְט אַ חוּמָשׁ אוּן הוֹיבּ אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין; הַיינְט הוֹיבְּן מִיר אָן סֵפֶר וַיִּקְרָא, מֶען הוֹיבְּט אָן "וַיִּקְרָא" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶערוּפְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, "וַיִּקְרָא" הָאט אַ קְלֵיינֶע אָלֶף, דָאס וַוייזְט אוּנְז מִיר זָאלְן נִישְׁט פַארְגֶעסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - דֶער אַלֶף - דֶער אַלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיז אִיבֶּעראַל, עֶר אִיז אִין יֶעדֶע זַאךְ, נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם זַאךְ וָואס זָאל זִיךְ פִירְן פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בַּיי בִּלְעָם אִיז נִישְׁט דָא קַיין אַלֶף, בַּיי בִּלְעָם שְׁטֵייט (בַּמִדְבָּר כג, ד): "וַיִּקָּר אֱלֹהִים..." אַ לָשׁוֹן פוּן גְנַאי, אַ לָשׁוֹן פוּן טֻמְאַת קֶרִי; וַוייל וֶוען מֶען נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם אַלֶף, מֶען נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס אִיז טוּמְאָה.

הוֹיבּ אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין; וֶוען יֶעדֶער אֵיינֶער זוּכְט אַ סְגוּלָה צוּ קֶענֶען אִיבֶּערְלֶעבְּן דִי שְׁרֶעק פוּן קָארָאנֶע נֶעם דִי סְגוּלָה פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים וָואס זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.): "לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פָּרָשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו"; אַ מֶענְטְשׁ זָאל לֶערְנֶען יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי וָואךְ צְוֵויי מָאל דִי פָּסוּק אוּן אֵיין מָאל תַּרְגּוּם, וַוייל וֶוער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ וֶועט לֶעבְּן לַאנְגֶע טֶעג אוּן לַאנְגֶע יָארְן; דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע סְגוּלָה פַאר אֲרִיכוּת יָמִים אוּן דָאס רַאטֶעוֶועט אַ מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

זוּכְסְט אַ פְּלַאץ וואוּ זִיךְ צוּ בַּאהַאלְטְן? נֶעם דִי בְּלַאט גְמָרָא; דָארְט אִיז דִי בֶּעסְטֶע פְּלַאץ זִיךְ צוּ בַּאהַאלְטְן פוּן אַלֶעס שְׁלֶעכְטְס.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּקְרָא תש"פ)

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אוּנְז אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ"ו אָדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין אַ צַייט וָואס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז צֶעשָׁאקֶלְט פוּן דִי מַחֲלָה וָואס דְרֵייְדְט זִיךְ אַרוּם דִי וֶועלְט, דִי מַחֲלָה פוּן קָארָאנֶע; דַארְפְן מִיר גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אוּנְז אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, מִיר זָאלְן פַארְרֶעכְטְן אוּנְזֶערֶע מַעֲשִׂים.

דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (פֶּרֶק א' מֵהִלְכוֹת תַּעֲנִיּוֹת, הֲלָכָה ב): "וְדָבָר זֶה מִדַּרְכֵי הַתְּשׁוּבָה הוּא", דָאס אִיז דִי וֶועג תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "שֶׁבִּזְמַן

<<<<<<

>>>>>>

בַּאנֵייעֶט אוּן וֶוערְט צוּרִיק גְרוֹיס, אַזוֹי גֵייט דָאס לֶעבְּן פוּן אַ אִיד, מֶען פִילְט אַסַאךְ מָאל אַז מֶען פַאלְט אוּן פַאלְט, מֶען וֶוערְט קְלֶענֶער אוּן קְלֶענֶער, אָבֶּער נָאכְדֶעם בַּאנֵייעֶט מֶען זִיךְ אוּן מֶען וֶוערְט צוּרִיק גְרוֹיס, אַזוֹי גֵייט עֶס אִיבֶּער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

### שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, וַוייל דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער עִנְיָן פוּן רֶבִּי'ן, שְׁטֶענְדִיג זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן סִימָן ו') אַז עֶר אַלֵיין פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי.

אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן פוּן רֶבִּי'ן, וֶוען עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן בְּרוּחֲנִיוּת, הָאט עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, נָאר עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל אָנְהֵייבְּן פוּן יֶעצְט, אַזוֹי ווִי אִיךְ וָואלְט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הֵייבּ יֶעצְט אָן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל", אַזוֹי פְלֶעגְט עֶר טוּן יֶעדֶע מָאל וָואס עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז דָאס פְלֶעגְט זַיין בַּיי אִים יֶעדְן טָאג, אוּן אַפִילוּ עֶטְלִיכֶע מָאל אַ טָאג. וָואס עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אוּן גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן רמ"ז) "אַזַא חִידוּשׁ ווִי מִיר אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען". אֵיינֶע פוּן דִי פְּשָׁטִים וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אִיז אַז דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶער "חִידוּשׁ" טַאקֶע אִין דֶעם עִנְיָן פוּן "הִתְחַדְשׁוּת", זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּ בַּאנֵייעֶן. אוּן דָאס לֶערְנְט דֶער רֶבִּי אוֹיס אוֹיךְ פַאר אוּנְז, אַז מִיר זָאלְן זִיךְ אוֹיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנֵייעֶן, אוּן דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר פַּאסִיג וָואס דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, וָואס דֶעמָאלְט אִיז דִי צַייט שְׁטַארְק מְסוּגָל זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ יֶעצְט בַּאנֵייעֶן אִין דִי זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן צ"ח) אַז אִין ווִינְטֶער שְׁטַארְבְּן אָפּ אַלֶע בֵּיימֶער אוּן גְרָאזְן, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט זוּמֶער לֶעבְּן זֵיי אַלֶע אוֹיף, אוּן דֶעמָאלְט קֶען זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ מִיטְכַאפְּן מִיט דִי בֵּיימֶער, אוּן זִיךְ אוֹיךְ בַּאנֵייעֶן אַזוֹי ווִי זֵיי. אוּן דֶעמָאלְט אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן פֶעלְד צְווִישְׁן דִי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער, אוּן דֶער אֱמֶת אִיז, אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אֵיין גְרוֹיסֶע פֶעלְד, מֶען קֶען אִיבֶּעראַל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער הֶעלְפְן צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן בֶּאֱמֶת וֶוענְדְט זִיךְ אִין דֶעם דִי גַאנְצֶע הַצְלָחָה פוּן אַ אִיד אִין עֲבוֹדַת ה', וֶוען מֶען בַּאנֵייעֶט זִיךְ יֶעדֶע מָאל פוּן פְרִישׁ, דוּרְךְ דֶעם שְׁטֵייגְט מֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער. יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט אִין עֲבוֹדַת ה' דַארְף זַיין מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט אַזוֹי ווִי עֶס וָואלְט גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס מֶען טוּט עֶס, מֶען גֵייט דַאוֶוענֶען שַׁחְרִית, "יֶעצְט אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס אִיךְ גֵיי דַאוֶוענֶען שַׁחְרִית", מֶען גֵייט דַאוֶוענֶען מִנְחָה, "יֶעצְט אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס אִיךְ גֵיי דַאוֶוענֶען מִנְחָה", מֶען גֵייט דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב, אֲפִילוּ מֶען אִיז מִיד אוּן אָפְּגֶעמוּטְשֶׁעט פוּן אַ גַאנְצֶע טָאג, פְרִישְׁט מֶען זִיךְ אוֹיף וַוייל מֶען גֵייט יֶעצְט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל גֵיין דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב.

מֶען זֶעט אַז דִי עֶרְשְׁטֶע מַעֲרִיב פוּנֶעם יָאר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיינַאכְט, דַאוֶוענְט יֶעדֶער מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה אוּן הִתְעוֹרְרוּת, וַוייל דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע תְּפִלָּה פוּן יָאר דַאוֶוענְט מֶען עֶס מִיט אַ גֶעשְׁמַאק, אָבֶּער בֶּאֱמֶת דַארְף מֶען יֶעדֶע מַעֲרִיב דַאוֶוענֶען אַזוֹי, וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן יֶעדֶע מָאל פוּן נֵיי, דֶעמָאלְט אִיז יֶעדֶע תְּפִלָּה דִי עֶרְשְׁטֶע תְּפִלָּה וָואס מֶען דַאוֶוענְט, אוּן מֶען דַאוֶוענְט עֶס מִיט גְרוֹיס גֶעשְׁמַאק.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיים לֶערְנֶען, יֶעדֶע מָאל וָואס מֶען זֶעצְט זִיךְ לֶערְנֶען, צִי זָאל עֶס זַיין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, אָדֶער מֶדְרָשׁ, זָאל מֶען אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ, "אִיךְ גֵיי יֶעצְט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל לֶערְנֶען דִי נֵייעֶ לִימוּד", אוּן וֶוען אַ אִיד פִירְט זִיךְ אַזוֹי וֶועט עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין, וַוייל דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּ בַּאנֵייעֶן אוּן מַאכְן שְׁטֶענְדִיג אַ פְרִישֶׁע הַתְחָלָה.

רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט אַז בַּיים רֶבִּי'ן הָאט מֶען דָאס אוֹיךְ גֶעזֶען ווִי עֶר הָאט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנֵייעֶט, נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט מְגַלֶה זַיין גֶעוַואלְדִיגֶע תּוֹרוֹת אוּן הַשָּׂגוֹת, הָאט מֶען אִים גְלַייךְ נָאכְדֶעם גֶעטְרָאפְן וֵויינֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן "ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?", וַוייל עֶר פְלֶעגְט אֵייבִּיג אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר צוּגֶעקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

אֲפִילוּ בְּגַשְׁמִיוּת אִיז אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה פַארְ'ן מֶענְטְשׁ וֶוען מֶען בַּאנֵייעֶט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג וַוייל וֶוען מֶען וֶוערְט אַלְט אוּן נָאכְגֶעלָאזְט פַאלְט מֶען אַרַיין אִין אַ מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן דִיפְּרֶעסְיֶע, אוּן מֶען פַארְלִירְט דִי אַפֶּעטִיט צוּם לֶעבְּן, מֶען דַארְף זִיךְ נָאר שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ בַּאנֵייעֶן, אוּן אַזוֹי הָאט מֶען אַ פְרֵיילִיכֶע לֶעבְּן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תל"ו) אַז יֶעדֶעס מָאל וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל מֶען נָאכְאַמָאל אָנְהֵייבְּן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט, "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הֵייבּ פוּן יֶעצְט אָן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד". וַוייל מְמָה נַפְשָׁךְ, אוֹיבּ בִּיז יֶעצְט אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען גוּט, וֶועט פוּן יֶעצְט זַיין נָאךְ בֶּעסֶער, אוּן אוֹיבּ אִיז בִּיז יֶעצְט נִישְׁט גֶעוֶוען גוּט, דַארְף מֶען דָאךְ זִיכֶער אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ, פוּן יֶעצְט צוּ זַיין גוּט.

דָאס הָאט מֶען אֵייבִּיג גֶעזֶען, אַז דִי וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ שְׁטַארְק אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי מִדָּה פוּן "הִתְחַדְשׁוּת", הָאבְּן גָאר שֶׁענֶער מַצְלִיחַ גֶעוֶוען. וַוייל וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן שְׁטֶענְדִיג פוּן נֵיי, טוּט מֶען אַלֶעס מִיט אַסַאךְ מֶער חֵשֶׁק אוּן גֶעשְׁמַאק.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרְאַ"ש עֶרֶךְ פַּרְשַׁת הַחוֹדֶשׁ - חוֹדֶשׁ נִיסָן)

>>>>>>

שֶׁתָּבוֹא צָרָה וְיִזְעֲקוּ עָלֶיהָ וְיָרִיעוּ יֵדְעוּ הַכֹּל שֶׁבִּגְלַל מַעֲשֵׂיהֶם הָרָעִים הוּרַע לָהֶן", ווען עס קומט אַ צָרָה זאָל מען שרייען און וויינען צום אייבערשטן אַז אַלע זאָלן וויסן אַז דער אייבערשטער ברענגט דאָס כְּדֵי מיר זאָלן תְּשׁוּבָה טון, מיר זאָלן פאַררעכטן אונזערע מַעֲשִׂים, אַזוֹי ווי עס שטייט (יִרְמְיָהוּ ה, כה): "עֲוֹנוֹתֵיכֶם הִטּוּ אֵלֶּה וְחַטֹּאותֵיכֶם מָנְעוּ הַטּוֹב מִכֶּם", אייערע עֲבֵירוֹת האָט גוֹרֵם געווען דאָס שלעכטס, און די זינד ברענגט דאָס שלעכטס, "וְזֶה הוּא שֶׁיִּגְרֹם לָהֶם לְהָסִיר הַצָּרָה מֵעֲלֵיהֶם", דאָס וועט אַוועק נעמען די צָרָה.

איך בעט דיר זייער זאָלסט תְּשׁוּבָה טון; מאַך זיך אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ וואָס דו דאַרפסט פאַררעכטן, זאָג פאַר'ן אייבערשטן אַז דו גייסט זיין ערליך, דו גייסט דאַוונען שַׁחֲרִית, מִנְחָה און מַעֲרִיב יעדן טאָג; דו גייסט לערנען דיינע שִׁיעוּרִים יעדן טאָג און עוֹסֵק זיין אין אַסאַך חֶסֶד, העלפן אידישע קינדער וויפיל דו קענסט. אויך דיין ווייב און קינדער זאָלן זיך מאַכן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ; דיין ווייב זאָל אַכטונג געבן אויף צְנִיעוּת, זי זאָל גיין אָנגעטון איידל און זיך פירן איידל און באַשיידן, וועט דער אייבערשטער אונז העלפן אַז די צָרָה וועט אַריבער גיין.

אין די זעלבע צייט וואָס מיר טוען תְּשׁוּבָה, מיר פאַררעכטן אונזערע מַעֲשִׂים דאַרפן מיר געדענקען אַז דאָס טאָר נישט קומען פון פאַרלוירנקייט; מיר טאָרן זיך נישט פאַרלירן, מיר דאַרפן וויסן אַז די גאַנצע קאָראָנע איז דער אייבערשטער, דער אייבערשטער האָט דאָס געברענגט, דער אייבערשטער מאַכט אַלעס און טוט אַלעס. ער וויל אונז צוריק ברענגען צו אים, מיר זאָלן זיך נישט פאַרלאָזן אויף קיינעם, מיר זאָלן זיין אָנגעהאָנגען אין אים, דער קאָראָנע איז אַ זאַך וואָס יעדער מענטש זעט קלאָר אַז עס איז נישט דאָ וואָס צו מאַכן, עס איז נישט דאָ אויף וועם זיך צו פאַרלאָזן, נאָר דער אייבערשטער קען אונז העלפן און וועט אונז העלפן.

דער נָבִיא זאָגט (הוֹשֵׁעַ יד, ב-ד): "שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל עַד ה' אֱלֹקֶיךָ כִּי כָשַׁלְתָּ בַּעֲוֹנֶךָ", אידישע קינדער טוט תְּשׁוּבָה, קערט אייך צוריק צום אייבערשטן, "אַשּׁוּר לֹא יוֹשִׁיעֵנוּ", קיין שום פאָלק קען אונז נישט העלפן, "עַל סוּס לֹא נִרְכָּב", די געווער וועט אונז נישט העלפן, "וְלֹא נֹאמַר עוֹד אֱלֹקֵינוּ לְמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ", מען וועט מער נישט טראַכטן אַז מיר קענען זיך אַליינס העלפן, מען וועט נישט זאָגן מיר האָבן אייגענע אָפּגעטער, "אֲשֶׁר בְּךָ יְרֻחַם יָתוֹם", נאָר דער אייבערשטער, ער אַליינס וועט אונז העלפן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּקְרָא תש"פ)

## צְוֶועלְף טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ נִיסָן

עס ווערט געברענגט פון צַדִּיקִים (עי' אַגְרָא דְכַלָּה, פָּרָשַׁת פְּקוּדֵי) אַז די ערשטע צוועלף טעג פון חוֹדֶשׁ נִיסָן איז מְסוּגָל צו בעטן דעם אייבערשטן אויף אַלע גוטע הַשְׁפָּעוֹת וואָס זאָלן קומען אין די צוועלף חֳדָשִׁים פון יאָר. לְמָשָׁל די ערשטע טאָג פון נִיסָן, בעט מען דעם אייבערשטן אויף חוֹדֶשׁ נִיסָן: "באַשעפער העלף איך זאָל האָבן אַ פריילִיכן כָּשֵׁר'ן פֶּסַח, איך זאָל מְקַיֵּים זיין אַלע מִצְוֹת פון פֶּסַח מיט גרויס פרייד, איך זאָל נישט האָבן חַס וְשָׁלוֹם קיין ברעקעלע חָמֵץ אין יוֹם טוֹב פֶּסַח, איך זאָל זיין געזונט און שטאַרק דעם חוֹדֶשׁ, איך זאָל האָבן אַלעס וואָס איך דאַרף אין דעם חוֹדֶשׁ" און אַזוֹי ווייטער. די צווייטע טאָג בעט מען אויף חוֹדֶשׁ אִיָּר: "באַשעפער העלף מיר איך זאָל מְקַיֵּים זיין די מִצְוָה פון סְפִירָה בִּשְׁלֵימוּת, איך זאָל מיר פרייען אין ל"ג בָּעוֹמֶר". די דריטע טאָג בעט מען אויף חוֹדֶשׁ סִיוָן: "באַשעפער העלף מיר איך זאָל מְקַבֵּל זיין דעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת ווי עס דאַרף צו זיין, איך זאָל פון פריש מְקַבֵּל זיין די תּוֹרָה מיט פרייד". און אַזוֹי ווייטער בעט מען אויף יעדן חוֹדֶשׁ, לויט יענעם חוֹדֶשׁ, און אַזוֹי וועט מען האָבן אַ ליכטיגע געשמאַקע יאָר.

מען פירט זיך צו ליינען די ערשטע צוועלף טעג פון חוֹדֶשׁ נִיסָן די פָּרָשָׁה פון די נְשִׂיאִים, יעדן טאָג אַן אַנדערע נָשִׂיא, דאָס איז מְסוּגָל פאַר אַלע סאָרט יְשׁוּעוֹת, און ספּעציעל איז עס מְסוּגָל פאַר שִׁידוּכִים און פאַר שְׁלוֹם בַּיִת.

אַזוֹי ווי דער רֶבִּי זאָגט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת חָתָן חֵלֶק ב' סִימָן ו') אַז די פָּרָשָׁה פון נְשִׂיאִים איז מְסוּגָל פאַר אַ שִׁידוּךְ, און דאָס מיינט שוין אויך פאַר שְׁלוֹם בַּיִת, און דערפאַר קען מען יעצט גאָר שטאַרק אויס'פועל'ן שִׁידוּכִים און שְׁלוֹם בַּיִת. וואָויל איז דעם וואָס נוצט אויס דעם חוֹדֶשׁ ווי עס דאַרף צו זיין, און בעט זיך אויס ביים אייבערשטן אַלע גוטע זאַכן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַנַ"ת עֶרֶךְ פָּרָשַׁת הַחוֹדֶשׁ - חוֹדֶשׁ נִיסָן)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## מַיין אִינְגְל נֶעמְט יֶעדֶע מִצְוָה מִיט צוּפִיל דְרוּק, וְוי אַזוֹי הֶעלְף אִיךְ אִים?

*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

יְיַשֵׁר כֹּחַ פאַר די דְרָשׁוֹת און חִיזּוּק, זיי מאַכן מיר קלאָר דעם מֹחַ, און וואַרעמען אָן מיין הַאַרְץ.

איך וויל פרעגן ווי אַזוֹי זיך אומצוגיין מיט מיין אַכט יעריג אינגל, וואָס האָט לעצטנס אַסאַך אָבסעסיעס. ער וואַשט כְּסֵדֶר די הענט ער זאָל נישט זיין טָמֵא, ער האַלט אין איין מאַכן חֶשְׁבּוֹנוֹת אויב ער האָט געטון אַן עֲבֵירָה, אֶפְשָׁר האָט ער פאַרגעסן צו מאַכן בְּרָכוֹת, און אַזוֹי ווייטער. ער האַלט אין איין תְּשׁוּבָה טון, ער בעט כְּסֵדֶר איבער זיינע געשוויסטער, אָבער אַלעס מיט אַ געוואַלדיגע דרוק און פרעשור.

ווי אַזוֹי האַנדלט מען אים?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיִּקְרָא, כ"ח אָדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

איך האָב ערהאַלטן דיין בְּרִיווּ.

מען דאַרף זייער אַכטונג געבן ווי אַזוֹי מען רעדט צו קינדער; בִּפְרַט ווען מען לערנט מיט זיי מִצְוֹת דאַרף מען אַכטונג געבן ווי אַזוֹי מען לייגט זיי דאָס אַריין, זיי זאָלן דאָס נישט נעמען מיט נערוון, זיי זאָלן נישט טון די מִצְוֹת מיט חָכְמוֹת וְכוּ'.

דער הייליגער רֶבִּי זאָגט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן מד): "גַּם מֵחָכְמוֹת שֶׁיֵּשׁ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בְּעַצְמוֹ צָרִיךְ לְהַרְחִיק מְאֹד", מען דאַרף זיך זייער היטן פון חָכְמוֹת, "כִּי כָּל אֵלּוּ הַחָכְמוֹת שֶׁל הָעוֹלָם שֶׁיֵּשׁ לְהַנִּכְנָסִין וּמַתְחִילִין קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֵינָם חָכְמוֹת כְּלָל וְהֵם רַק דִּמְיוֹנוֹת וּשְׁטוּתִים וּבִלְבּוּלִים גְּדוֹלִים", ווייל די אַלע חָכְמוֹת וואָס מען האָט ווען מען הייבט אָן דינען דעם אייבערשטן זענען בִּכְלָל נישט קיין חָכְמוֹת, דאָס איז דִּמְיוֹנוֹת, שְׁטוּתִים און קאָפּ דרייעניש, "וְאֵלּוּ הַחָכְמוֹת מַפִּילִין מְאֹד אֶת הָאָדָם מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", דאָס מאַכט אַז דער מענטש זאָל אָפּלאָזן זיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "וְעַל אֵלּוּ הַמְדַקְדְּקִים וּמַחְמִירִים בְּחֻמְרוֹת יְתֵרוֹת עֲלֵיהֶם נֶאֱמַר: 'וָחַי בָּהֶם, וְלֹא שֶׁיָּמוּת בָּהֶם', כִּי אֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת כְּלָל", די אַלע וואָס זענען פאַרנומען מיט חָכְמוֹת און סְפֵיקוֹת זענען שטענדיג מְסֻפָּק צי זיי האָבן יוֹצֵא געווען די מִצְוָה צי נישט - די האָבן נישט קיין שום חִיּוּת, "וְתָמִיד הֵם בְּמָרָה שְׁחֹרָה מֵחֲמַת שֶׁנִּדְמֶה לָהֶם שֶׁאֵינָם יוֹצְאִים יְדֵי חוֹבָתָם בְּהַמִּצְוֹת שֶׁעוֹשִׂין וְאֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת מִשּׁוּם מִצְוָה מֵחֲמַת הַדִּקְדּוּקִים וְהַמָּרָה שְׁחוֹרוֹת שֶׁלָּהֶם", זיי זענען שטענדיג דעפּרעסט, זיי לעבן אַלץ אין סְפֵיקוֹת און די חוּמְרוֹת וואַרפט זיי אַריין אין מָרָה שְׁחוֹרָה.

יעצט ווען עס איז שוין אַריין אין אים מיט אַ פרעשור, ער טוט די מִצְוֹת מיט מָרָה שְׁחוֹרָה קען מען דאָס נאָר אַרויסנעמען מיט חָכְמָה, מען קען נישט חוֹזֵק מאַכן פון אים אָדער אים נייטן צו טון אַנדערש, מען דאַרף זען מיט חָכְמָה דאָס אַרויסנעמען; אים אויפהייבן מיט גוטע ווערטער, אים אויסלויבן ווי וואָויל ער איז און ווי טייער ער איז - דורכדעם וועט אַוועק פאַלן די נערוון. ווען ער וואַשט זיך די הענט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל זאָל מען אים זאָגן וואָס דער רֶבִּי זאָגט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן כז): "מִי שֶׁמְּנַקֶּה בְּכָל עֵת יָדָיו, עַל-יְדֵי-זֶה מְזַכֶּה אֶת לִבּוֹ", ווער עס וואַשט זיך כְּסֵדֶר זיינע הענט מיט דעם וואַשט ער זיך אָפּ זיין האַרץ; און ווען ער מאַכט זיך אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ וְכוּ' דאַרף מען אים אויסלויבן ווי ער לעבט מיט'ן אייבערשטן; ווען ער בעט איבער די געשוויסטער זאָל מען דאָס אויסלויבן, דאָס גרויסקייט פון אַכטונג געבן אויף אַנדערע און אַזוֹי ווייטער; מען דאַרף מאַכן אַן עֵסֶק פון אים לְטוֹבָה, אַזוֹי וועט אַוועק פאַלן אַלע נערוון. ווייל נערוון גייט נישט צוזאַמען מיט שִׂמְחָה; שִׂמְחָה שטופּט אַוועק עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה.

בעסער וואָלט געווען ווען עס איז נישט דאָ די גאַנצע פרעשור, אָבער אַז עס איז שוין דאָ קען מען זיך נישט קריגן מיט דער סאָרט יֵצֶר הָרַע, מען דאַרף זען מיט חָכְמָה ווי אַזוֹי מען ווערט פָּטוּר דערפון.

**דער אייבערשטער זאָל העלפן זאָלסט האָבן הַצְלָחָה אין אַלע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פָּרָשַׁת וַיִּקְרָא תש"פ)




**נאָך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים, אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**
**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 347-509-4908**

BreslevCenter.com\answers

# אַ שְׁוֶועֶרֶע רַמְבַּ"ם

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק ר' הֶערְשֶׁעלֶע לִיסְקֶער זי"ע פְלֶעגְט אַסַאךְ עוֹסֵק זַיין פַאר פֶּסַח צוּ זֶען אַז יֶעדֶער אִיד זָאל הָאבְּן אוֹיף פֶּסַח צוּ מַאכְן, עֶר הָאט גֶעהָאלְפְן אָרִימֶעלַייט צוּ קֶענֶען צוּשְׁטֶעלְן אוֹיף יוֹם טוֹב. אֵיין מָאל הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן: "פַאר פֶּסַח גְרֵייט זִיךְ יֶעדֶער אָן מִיט שֵׁיינֶע פִּלְפּוּלִים אוּן דְרָשׁוֹת לְכָבוֹד פֶּסַח, מֶען פַארְעֶנְטְפֶערְט שְׁוֶועֶרֶע רַמְבַּ"ם'ס מִיט שֵׁיינֶע פִּלְפּוּלִים, אָבֶער אִיךְ פַארְעֶנְפֶער אֵיין שְׁוֶועֶרֶע רַמְבַּ"ם מִיט מַיינֶע הֶענְט"... דֶער רַמְבַּ"ם פַּסְקְ'נְט אַז יֶעדֶער אִיד מוּז עֶסְן מַצּוֹת אִין פֶּסַח, אוּן אֲפִילוּ אַן אָרִימַאן מוּז זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען מוּז הָאבְּן מַצּוֹת אוֹיף פֶּסַח, וִוידֶער פַּסְקְ'נְט דֶער רַמְבַּ"ם אַז מֶען טָאר נִישְׁט גַנְבְ'עֶנֶען. דָאס אִיז לִכְאוֹרָה אַ סְתִירָה, אוֹיב טָאר מֶען נִישְׁט גַנְבְ'עֶנֶען, וְוִי אַזוֹי קֶען דֶער אָרִימַאן הָאבְּן מַצּוֹת אוֹיף פֶּסַח? דֶעם שְׁוֶוערְן רַמְבַּ"ם פַארְעֶנְפֶער אִיךְ, וַוייל אִיךְ גֵיי אַרוּם שַׁאפְן גֶעלְט פַאר אָרִימֶעלַייט אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן גֶעלְט אוֹיף פֶּסַח בְּשֶׁפַע, מִמֵילָא אִיז שׁוֹין דֶער רַמְבַּ"ם פַארְעֶנְטְפֶערְט...

מוֹהַרְא"ש זָאגְט אַז דָאס אִיז אַ רִיכְטִיגֶע אֶמֶת'עֶ דְרָשָׁה אוֹיף פֶּסַח. אוּן מִיט דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין, וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תכ"ט) "מֶען הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען דִי הֲלָכוֹת פוּן פֶּסַח דְרַייסִיג טֶעג פַאר פֶּסַח", אוּן אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער רְמָ"א "מֶען פִירְט זִיךְ צוּ קוֹיפְן וֵוייץ פַאר אָרִימֶעלַייט אוֹיף פֶּסַח", לִכְאוֹרָה וָואס הָאט אֵיינְס מִיטְ'ן צְוֵוייטְן? וָואס קוּמְט דֶער רְמָ"א צוּלֵייגְן צוּם שֻׁלְחָן עָרוּךְ? אָבֶער מִיט דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע מַעֲשֶׂה פַארְשְׁטֵייט מֶען דָאס זֵייעֶר גוּט, דֶער רְמָ"א קוּמְט זָאגְן אַז דֶער עִיקָר דְרָשָׁה אוֹיף פֶּסַח אִיז צוּ שַׁאפְן גֶעלְט פַאר אָרִימֶעלַייט אוֹיף פֶּסַח. ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ הֶעלְפְן אָרִימֶעלַייט אוֹיף פֶּסַח.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרְא"ש חֵלֶק ט"ז, עֶרֶךְ חוֹדֶשׁ נִיסָן)

מוֹהַרְא"ש זָאגְט אַז בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ עוֹסֵק זַיין צוּ צוּזַאמְנֶעמֶען גֶעלְט פַאר אָרִימֶעלַייט אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן אוֹיף פֶּסַח צוּ מַאכְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ר"א) "**צְ'דָקָה תַּ'צִּיל מִ'מָּוֶת רָאשֵׁי תֵּבוֹת מַצַּ"ת. סְגֻלָּה לְחָלִי נוֹפֵל רַחֲמָנָא לִצְלָן, פִּ'זַּר נָ'תַן לָ'אֶבְיוֹנִים רָאשֵׁי תֵּבוֹת נֵפֶ"ל**". וָואס מֶען פַארְשְׁטֵייט פוּן דֶעם אַז וֶוען מֶען גֶעבְּט צְדָקָה פַאר אִידְן אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן מַצּוֹת אוֹיף פֶּסַח, אִיז עֶס אַ סְגוּלָּה נִישְׁט צוּ הָאבְּן דִי מַחְלָה פוּן חוֹלִי-נוֹפֵל רַחֲמָנָא לִיצְלָן, סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן סֵיי בְּרוּחֲנִיּוּת, נִישְׁט אַרָאפְצוּפַאלְן בְּרוּחֲנִיּוּת.

(לוּחַ בְּרֶסְלַב פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי תשע"ג לפ"ק)

## סימן טוב ומזל טוב

החתן **אליעזר שמן** הי"ו

**וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג**

דער אייבערשטער זאל העלפן ס'זאל זיין א קשר של קימא

און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים

## סימן טוב ומזל טוב

החתן **שרגא שטראססער** הי"ו בן

מו"ה **אברהם משה שטראססער** הי"ו

מנהל כללי מוסדות ברסלב

**צו זיין שמחת החתונה**

עב"ג בת מו"ה **נחמן נײשטיין** הי"ו

מלמד מומחה במוסדותינו הקדושים

חתן המפיץ הגדול מוה"ר **נתן יאקאבאוויטש** שליט"א

דער אייבערשטער זאל העלפן ס'זאל זיין א קשר של קימא

און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים

### נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# די עצות פון הייליגן רבי'ן בארואיגט אידן איבער די וועלט פון די שרעק פון די קאראנע ווירוס

שטייענדיג אין שאטן פונעם פחד און פאניק וואס נעמט איין די וועלט פון די קאראנע ווירוס, זענען אידן זיך מחי' מיט די עצות און דיבורים פון הייליגן רבי'ן, וואס נאר ער האט די שפראך צו יעדן אידיש קינד, אין יעדן מצב, ער ברענגט אריין אמונה אין אידישע קינדער, אז מ'זאל זיך נישט שרעקן פון קיין שום זאך, וויסן אז קיין שום שלעכטס קען נישט פאסירן צו א מענטש אן א באפעל פונעם אייבערשטן אליין, מיר ליגן אלע אין די הענט פונעם אייבערשטן, נאר צו אים דארף מען זיך ווענדן, און נאר ער קען אונז העלפן, סיי ווען ס'איז דא א קאראנע ווירוס אויף דער וועלט, און סיי ווען נישט.

די מפיצים געבן איבער אז די ספרים, קונטרסים, גליונות, און סידים, ווערן צעכאפט דורך יעדן איינעם, אידישע קינדער זענען זיך ממש מחי' און לעבן אויף, ווען זיי הערן און ליינען די ווערטער פון הייליגן רבי'ן, וואס בארואיגט דעם מענטש פיזיש און גייסטיש, זיך צו קענען ספראווען מיט די איבערפלוס פון פאניק וואס ווערט פארשפרייט אויף דער וועלט.

ספעציעל דער נייער קונטרס "קאראנע ווירוס", וואס איז שוין געווארן איבערגעזעצט אויף אידיש, ענגליש, און לשון הקודש, ווערט גאר שטארק צעכאפט דורך אידן פון אלע שיכטן און קרייזן, דאס העלפט זיך צו קענען כאפן דעם אטעם, נישט צו ווערן אריינגעכאפט אין איבריגע אומזיסטע פחדים, פרובירן זיך אכטונג צו געבן אויף ווי ווייט מעגליך, און זיך איבערגעבן אינגאנצן צום אייבערשטן, פארמערן תורה און תפלה, און בעטן דעם אייבערשטן גראטעווועט צו ווערן פון אלעם שלעכטס.

די טעלעפאן ליניעס פון "קול ברסלב", ווערן איבערגעפילט מיט צענדליגע טויזנטער אריינרופער, וואס ווילן הערן די דרשות פונעם ראש ישיבה שליט"א, וואס איז מחזק און מעודד אויף אמונה, ווי אזוי זיך שטארקן איבער די פחדים, און ווי אזוי גראטעווועט צו ווערן אין דעם שווערן מצב.

אויפ'ן פארלאנג פונעם ציבור האט מען געמאכט א ספעציעלע אפטיילונג איבער די קאראנע ווירוס, וואו מ'קען הערן הערליכע ניגונים איבער קאראנע, קורצע און לענגערע שיעורים איבער דעם ווירוס, עצות און חיזוק ווי אזוי זיך אומצוגיין.

די נומערן פון "קול ברסלב" קען מען זען ביים סוף פונעם גליון. אנצוקומען צו דעם אפטיילונג דארף מען דרוקן 1 און דערנאך 1 און דערנאך 7.

לאמיר זיך שטארקן מיט די פשוטע אמונה, זיך צוריק קערן צום אייבערשטן, וואס דאס איז די גאנצע סיבה פארוואס דער אייבערשטער האט געברענגט דעם ווירוס, און אזוי וועלן מיר גראטעווועט ווערן פון אלע שלעכטס.

**לך עמי בא בחדריך וסגור דלתיך בעדך, חבי כמעט רגע עד יעבור זעם!**

***

## פרייליכע חתונה פון א תלמיד הישיבה

די וואך איז געגאנגען אונטער די חופה החתן שרגא בן מוה"ר אברהם משה שטראססער שליט"א, מנהל כללי מוסדות ברסלב בארה"ב, עב"ג בת מו"ה נחמן נײשטיין שליט"א, מלמד מומחה במוסדותינו הקדושים, חתן המפיץ הגדול מוה"ר נתן יאקאבאוויטש שליט"א.

צוליב די פאראָרדענונגען פון די רעגירונג, איז די חתונה פארגעקומען אויף גאר א קליינעם פארנעם, לויט די אנווייזונגען פון די געזונטהייט באאמטע, זיכער צו מאכן אז קיינער ווערט נישט אנגעשטעקט.

די חתונה איז טאקע געווען קליין, אבער די שמחה איז געווען גאר גרויס, מ'האט זיך געפריידט און געטאנצן און משמח געווען די חתן כלה אויף א הערליכן פארנעם.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

***

## פרישער חתן אין ישיבה

א פרישער חתן איז דא די וואך אין ישיבה; החתן אליעזר שמן נ"ו, בן מו"ה מאיר הי"ו, וואס איז חתן געווארן למזל טוב עב"ג בת מו"ה פישל שערמאן הי"ו.

דער חתן איז געווען ביים ציון הקדוש פון מוהרא"ש אין יבנאל, און דארט אויסגעזאגט גאנץ תהלים, אזוי ווי מוהרא"ש האט צוגעזאגט, און געהייסן דאס אויפקריצן אויף זיין מצבה, אז יעדער וואס דארף א שידוך וואס וועט אויסזאגן ספר תהלים ברציפות ביי זיין קבר, וועט ער זיך משתדל זיין אז ער זאל געהאלפן ווערן מיט א שידוך ווי שנעלער. ווי אויך האט ער געטון די סגולה פון מוהרא"ש, צו לערנען פערציג מאל מסכת תענית אין פערציג טעג.

דער חתן איז ברייט באקאנט מיט זיינע מדות טובות, אויסער זיינע פילע שיעורים וואס ער לערנט יעדן טאג, איז ער אויך גאר שטארק איבערגעגעבן פאר'ן ראש ישיבה שליט"א, ער העלפט ארויס כסדר מיט אלעס וואס פעלט נאר אויס, וואונטשן מיר אים יעצט אז די אלע גרויסע זכותים זאלן אים ביישטיין, דער אייבערשטער זאל העלפן דער שידוך זאל זיין א קשר של קימא, ער זאל זוכה זיין אויפצושטעלן א בית נאמן בישראל, מיט פיל אידיש נחת, דורות ישרים ומבורכים.

**שמחה ונחת לרוב!**


## קאראנע ווירוס!

**קאראנע ניגונים, קורצע און לענגערע שיעורים איבער די קאראנע ווירוס, קאראנע חדר, קונטרסים, תפלות אינטערוויוס, און נאך:**

**קול ברסלב**

**212-444-9191** 1, 1, 7

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

212-444-9191 / 845-351-0910 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

212-444-9169/ 845-351-9060 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**